# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



פ' בלק
תשפ"א לפ"ק
גליון קע"ה

## פראגע

**עס שטייט אז מיר קענען נישט גענוג דאנקען דעם אויבערשטן אפילו פאר איין טובה וואס ער האט אונז געטון. פארוואס נישט?**

## ענטפער:

מיר וועלן נעמען א פשוט'ע ביישפיל, כדי עס זאל נישט בלייבן אבסטראקט. דער פסוק אין תהלים זאגט (ק"נ, ו'): "כל הנשמה תהלל קה" – יעדער נשמה זאל לויבן דעם אויבערשטן. דער מדרש (בראשית רבה, י"ט, ד') זאגט אז די ווארט נשמה מיינט אן אָטעם, אזוי ווי **נשימה**, און דער פסוק זאגט באמת אז "על כל נשימה ונשימה תהלל קה" – **אויף יעדן אטעם** דארף מען לויבן דעם אויבערשטן.

איך בין אמאל געווען אין סלאבאדקע ווען מען האט גערעדט איבער דער נושא, און איינער פון מיינע רבי'ס ז"ל האט געזאגט, "טראכט אריין וויפיל מאל איר האט שוין אריינגעאטעמט זינט איר זענט געבוירן. **מען דארף זאגן הלל פאר יעדן איינציגן אטעם**. דאס מיינט אז מיר זענען הינטערשטעליג מיט הלל'ס. מיר קומען פאר השי"ת אסאך הלל'ס."

און אויב וועט איר זאגן – פארוואס עפעס דארף מען זאגן הלל פאר איין אטעם? ווייל לאמיר זאגן א מענטש וויל געבן דעם איין אטעם אבער ער קען נישט. ווי איך האב שוין אראפגעלייגט דא אסאך מאל – ס'איז אן עקספערימענט וואס יעדער איינער קען טון אינדערהיים. נעם א שיסל פול מיט וואסער; שטעק אריין דיין קאפ דערין און האלט עס דארט פאר בערך 3 מינוט. נאך אפאר מינוט אין די וואסער טראכט ווי גוט עס וואלט געווען ווען איך קען ווען נעמען בלויז נאך איין אטעם! אטעם אבער נישט אונטער די וואסער...! יעצט ווען דו נעמסט ארויס דיין קאפ, אהההה!! א געשמאק! אן אמת'ער תענוג!

במילא דארפסטו זאגן פאר יעדן איינציגן אטעם הלל, ווייל יעדע אטעם איז דער איינער אטעם וואס דו ווילסט אזוי שטארק. די גאנצע סיבה פארוואס מיר שפירן נישט אזוי איז ווייל מיר האבן אזוי סך נשימות אז עס ווערט ביליג אין אונזערע אויגן, און מיר הייבן עס אן צו איגנארירן.

און אזוי איז אויך מיט טויזנטער אנדערע מתנות פון הקב"ה, אלעס וואס דער אויבערשטער גיבט פאר א מענטש איז קריטיש פאר אים.

אפילו אזא פשוט'ע דוגמא: לאמיר זאגן דו גייסט ארויס אויפ'ן גאס איין שיינעם טאג און אויפ'ן וועג צו די סאבוועי באמערקסטו אז איין שיך-בענדל איז צעריסן, און די שוך הייבט אן לויז צו ווערן און דו דארפסט גיין זייער שטאט, ווייל אויב דו לויפסט אזוי דורך די גאס וועט דיין שוך בלייבן דארט אינמיטן די גאס. איז יעצט הונקעסטו און דו הייבסט אן טראכטן "וואו קען איך קויפן נייע שיך-בענדלעך?" דו זעסט גרויסע געשעפטן אויפ'ן גאס אבער קיינער פארקויפט נישט קיין שיך-בענדלעך. פרוכט-געשעפטן וואס פארקויפן ראדיאוס, ווידיאוס, אלעס, אבער דו ווילסט א שיך-בענדל! "אוי, איך וואלט אלעס אוועקגעגעבן פאר איין שיך-בענדל!" דאס איז ווי וויכטיג א שיך-בענדל איז. דו הייבסט פלוצלונג אן צו כאפן ווי שטארק דו ביזט אנגעוויזן אויף א שיך-בענדל. סתם אזוי קוקסטו עס אן ווי אזא ביליגע זאך, און דו טראכסט נישט אריין און דו אנערקענסט נישט אין די טובות פון השי"ת.

יעדע זאך אויף דער וועלט איז אזוי. וויבאלד מיר האבן עס, מאכן מיר עס אוועק אלס קליינקייטן. אבער אויב וואלטן מיר עס נישט געהאט וואלטן מיר פארשטאנען ווי קריטיש עס איז פאר אונזער עקזיסטענץ.

און דערפאר, דער אויבערשטער גיבט אייך אלעס, ס'איז נישט בלויז גומל חסדים, אז ער גיבט חסדים. ער איז גומל **חסדים טובים**! ער גיבט גוטע חסדים. מיר זענען אבער פארטעמפט, ווייל מיר זענען אזוי געצערטעלט פון געוואוינהייט און אומדאנקבארקייט אז מיר פארפעלן עס צו באמערקן. און דעריבער, פאר יעדע טובה וואס א מענטש האט דארף ער פראקטיצירן צו **שפירן** די הכרת הטוב אן קיין גבול. (TAPE # 511)

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

**פראגע**

## איז לערנען תורה וויכטיגער ווי מאכן איבונגען פאר די געזונט?

## ענטפער:

אודאי יא, און אודאי נישט.

דער ענטפער איז אזוי: איז לערנען תורה וויכטיגער ווי צו בלייבן לעבן? אויסדרוקליך! וואס איז דאס לעבן ווערד אן תורה? כי הם חיינו! תורה איז אונזער לעבן! רבי חיים וואלאזשינער ז"ל האט געזאגט, די מינוט וואס דו נעמסט ארויס דיינע אויגן פונעם ספר ביזטו א טויטער מענטש. דו לעבסט נישט מער. לעבן איז נאר געלעבט ווען מען לערנט.

אף על פי כן, רבי ישראל סאלאנטער האט מפסיק געווען פון לערנען און איז געגאנגען צו א קליניק אין דייטשלאנד אויסצופאלגן אלע אנווייזונגען פונעם דאקטאר. דער דאקטאר האט אים געזאגט צו נעמען מעדיצין אין געוויסע צייטן, צו גיין שפאצירן אין געוויסע צייטן, און דער דאקטאר האט נאכדעם געזאגט אז דער פאציענט, דער ראביי דא, פאלגט אויס מיינע אנווייזונגען **מער** ווי סיי-וועלכע אנדערע פאציענט וואס כ'האב נאר אמאל געזען! ער האט אויסגעפאלגט דעם דאקטאר הונדערט פראצענט!

צדיקים זענען זייער ערנסט וועגן זייער געזונט, אבער זייער געזונט איז בלויז פאר'ן צוועק פון עס אויסנוצן צו לערנען תורה און דינען השי"ת.

דערפאר איז ביידע וויכטיג. תורה איז אונזער לעבן, און אונזער לעבן איז תורה.

**פראגע**

## צי קלערט איר אז די גדולים אין מזרח אייראפע זענען באשטראפט געווארן מיט'ן האלאקאוסט ווייל זיי האבן נישט גענוג געטון צו העלפן צוריקברענגען אסימילירטע אידן צו אידישקייט?

## ענטפער:

איר פרעגט מיר א פראגע וואס איז צו גרויס פאר אזא קליינע מענטש ווי איך. איך זאל ענטפערן וועגן גדולים? אדער אפילו וועגן קטנים? אבער ס'איז זיכער אז זיי האבן געטראגן אן אחריות. דער חפץ חיים האט שוין אין זיין צייט ליארמעט. ער האט געזאגט אז עס ברענט א פייער. "עס איז שוין נישט וואס עס פלעגט זיין", האט ער געזאגט. מיר דארפן ארויסגיין און ראטעווען אידן. קיין שום פראגע.

און בדרך אגב האבן עס די ליובאוויטשער געטון אין אמעריקע ווען זיי זענען אהערגעקומען, און די נאהאווארדוקער האבן עס געטון אין אייראפע. די נאהאווארדוקער האבן געמאכט 60 ישיבות. זיי זענען געגאנגען אין שטעטלעך וואו ס'איז גארנישט געווען דארט און זיי האבן געגרינדעט ישיבות און געראטעוועט אסאך בחורים. און בית יעקב'ס! שרה שנירער האט געראטעוועט אסאך מיידלעך אין אייראפע.

אבער אויב זיי האבן געטון גענוג, דאס איז א פראגע. איך בין זיכער אז זיי וואלטן געקענט טון מער, אבער איך גיי נישט דן זיין קיינעם.

אבער דאס דארפן מיר וויסן: ס'איז זייער א גרויסע אחריות. ס'איז א שווערע אחריות. דער "חובת הלבבות" זאגט אז מיר דארפן כסדר זיין באזארגט אז מיר טוען נישט גענוג צו ערפילן אונזער פליכט פון "הוכח תוכיח את עמיתך". דאס איז אייביג א פראבלעם וואס מוטשעט אונז.

אפילו מענטשן וואס זיצן אין ישיבות און לערנען אין כוללים זענען באזארגט דערוועגן. זיי פרעגן זיך אלץ – זאל איך ארויסגיין ראטעווען אידן? זאל איך טון זאכן פאר קירוב רחוקים? ס'איז א גוטע שאלה. ס'איז נישט אזוי פשוט צו ענטפערן ווייל נאך אלעם קענען מיר נישט איפגעבן אויף אונזער תורה-לערנען. מיר קענען נישט איפהערן אנטוויקלען תלמידי חכמים.

די פראגע איז, וואס זאלן מיר טון? ס'איז נישט גרינג. אבער מיר דארפן וויסן אז ס'איז זיכער איינס פון די פאקטארן אז ס'איז דא אן אחריות. ס'איז דא א **קולר**, א שווערע קייט ארום די האלז פון כלל ישראל פאר'ן נישט ארויסגיין און העלפן אפגעפארענע אידן צוריקצוקומען צו די תורה. (534)

**די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת** (ענגליש)**, און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו** Signup@TorasAvigdor.org**, אדער גייט צו** torasavigdor.org**. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו** tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973


בס"ד
שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
וועכענטליך אויף אימעיל
עונג שבת
אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
וביום השמיני ימול בשר ערלתו
נאר אידיש
עונג שבת
לה"ק-אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
וביום השמיני ימול בשר ערלתו
לה"ק אידיש
$4.00
מרגניתין
לקט מובחר מגליונות בלשון הקודש על
פ' שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר לשון הקודש
$1
א וואך
מועדים $3
בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק
זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782
Subscribe@Lehisaneg.com אדער שיקט אן אימעיל צו

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב